טאַנען, געדרוקט אויך די איבערזעצונג פֿון סמיליאַנסקיס ראָמאַן תולדות אהבה אחת. דערנאָך געווען טעטיק דערהויפּט אין העברעאיש. מיטרעדאַקטירט דעם התורן, 1922־1916 רעדאַקטירט דעם העברי, געדרוקט איבערזעצונגען פֿון בערגעלסאָנס אַרום וואָקזאַל, ווײַסענבערגס שטעטל, אַפּאַטאָשוס היברו. אין באַזונדערע אויסגאַבעס איבערגעזעצט האַמסונס פּאַן (נ״י, 1919) און אַפּאַטאָשוס אין פּוילישע וועלדער (נ״י, 1921). רעדאַקטירט דעם לוח אחיעבר, ב׳ 2, נ״י, 1921. סעפּט׳, 1921, געגרינדעט און רעדאַקטירט דאָס העברעאישע ט״ב הדואר (דערשײַנט איצט ווי אַ וואָכ״ב), נאָך דעם געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פֿונעם ייִדישן טאָגבלאַט, וואו, אַחוץ פּובליציסטישע אַרטיקלען און פֿעליעטאָנען, געדרוקט די איבערזעצונג פֿון חיים טשערנאָוויצקיס אויטאָביאָגראַפֿיש ווערק מײַן שטעטל מאָטעלע און פֿאַרעפֿנטלעכט אַ גרויסע זאַמלונג פֿון ווערטלעך און וויצן א״נ ייִדישע גדולים — ווי זיי ווערטלען זיך. (אין בוכפֿאָרם אַרויס א״נ די וועלט דערציילט, אין 2 בענד, פֿ״ג „דורות״, נ״י, 1928; אין העברעאיש אַרויס א״נ מדור דור, 3 בב׳). אין 1922 פֿאַרעפֿנטלעכט אין די ליטעראַרישע בלעטער (וואַרשע) אַ דראַמאַטישן פֿראַגמענט אין 2 בילדער, א״נ „דער סגי נהור״. 1930 אַריבערגעפֿאָרן קיין ארץ־ישראל, געווען רעדאַקטאָר פֿון בוסתנאי (1932־1931). אין 1933 עטלעכע חדשים רעדאַקטירט דעם דואר היום. 1944־1938 געווען רעדאַקטאָר פֿונעם מזרחיסטישן ט״ב הצופה. אין בוכפֿאָרם — אַ ליטעראַרישע באַאַרבעטונג פֿון דובנער מגידס משלים. איבערגעזעצט אויף העברעאיש י. י. זינגערס די משפּחה קאַרנאָווסקי, י. אַפּאַטאָשוס באַנד דערציילונגען א״נ ווען פּוילן איז געפֿאַלן, אויך אַ בוך פֿון ראַדיאַרד קיפּלינג א״אַ. אין 1945 געווען רעדאַקטאָר פֿון פֿ״ג „אמנות״, וואו פֿאַרעפֿנטלעכט אַ זאַמלונג מועד, וואָס נעמט אַרײַן די קאַפּיטלעך וועגן די יום טובֿים פֿון „מדור דור״. געשטאָרבן אין ת״אָ.

ז. רייזען, לעקסיקאָן, ב׳ 2; ז. זילבערצווײַג, לעקסיקאָן פֿון ייִדישן טעאַטער, ב׳ 2; ה. ל. גורדון, ספר היובֿל של הדואר, נ״י, תרפּ״ז, זז׳ פּ״ד און פּ״ז; יהודה עלזעט, צוקונפֿט, נ״י, יאַנ׳, 1930; פּ. וויערניק, מ.-זשורנאַל, נ״י, 19טן אַפּריל, 1931; ד. תדהר, אנציקלופדיה לחלוצי הישובֿ ובוניו, ת״אָ, 1949, ז׳ 268; א. ש. הערשבערג, פנקס ביאַליסטאָק, ב׳ 1, נ״י, 1949, ז׳ 419; ד. פּערסקי, הדואר, נ״י, שבֿט, תשי״ט.

י. כּ.

**ליפּסאָן, מרדכי** — (1024טן אַפּריל, 1885 — 14טן יאַני, 1958) — אַדאַפּטירטער נאָמען פֿון מרדכי יאַוואָראָווסקי. — געב׳ אין ביאַליסטאָק, רוסיש פּוילן. געלערנט אין מאָדערניזירטע חדרים, שפּעטער בײַם חפץ חיים אין דער ראַדונער ישיבֿה. געווען אַ הייסער מוסרניק. 1903 באַקומען היתר הוראה. צוליבן דראַנג נאָך בילדונג אַוועק אין 1905 קיין אַנטווערפּען, בעלגיע, וואו צו ערשט געווען אַ העברעאישער לערער, דערנאָך געווען באַשעפֿטיקט אין דער דימענט־אינדוסטריע. זינט 1907 געדרוקט קאָרעספּאָנדענציעס, אַרטיקלען און פֿעליעטאָנען אין הזמן, הצפירה, המבֿשׂר, היהודי, העולם. 1912 אַרויסגעגעבן אין בעלגיע אַ הומאָריסטיש בלאַט א״נ דער אַנטווערפּענער לץ. 1913 (צוזאַמען מיט ש. כּהן, י. קרעפּליאַק און י. פּאָדרוזשניק) געגרינדעט די ערשטע ייִדישע צײַטונג אין בעלגיע, דאָס וואָכ״ב דער מערבֿ, וואָס האָט געזאָלט זײַן אַן אָרגאַן פֿון די ייִדישע קיבוצים אין בעלגיע, האָלאַנד, פֿראַנקרײַך און שווייץ און איז צוליב טעכנישע מניעות דערשינען אין קאָפּענהאַגען, דענעמאַרק (אַרויס בלויז 4 נומערן). האַרבסט 1913 געקומען קיין אַמעריקע, מיטגעאַרבעט אין היום און אין קונדס, וואו געשריבן די הומאָריסטישע לייטאַרטיקלען „זאַלץ און פֿעפֿער״ און פֿעליעטאָנען א״פּ „מאָטעלע״. פֿון 1914 הילפֿס־רעדאַקטאָר פֿונעם ציוניסטישן אָרגאַן דאָס ייִדישע פֿאָלק, וואו, אַחוץ פֿעליע־